# קינדערס'ס סינגל פוינט אוו עקסעס

קינדער'ס סינגל פוינט אוו עקסעס (Children's Single Point of Access, CSPOA) איז א רעפערעל סיסטעם וואס פארבינדט קינדער און יונגע מענטשן מיט אן אויסוואל פון גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אין ניו יארק סיטי.



צו זיין בארעכטיגט, דארף אייער קינד:

- זיין יונגער פון 22 יאר אלט
- האבן אן ערנסטע עמאציאנעלע שטערונג. דאס איז סיי וועלכע דיאגנאזירטע גייסטישע געזונהייט צושטאנד וואס אפעקטירט זייער טאג-טעגליכע פונקציאנירונג. אפאר ביישפילן זענען:
  - אטענשן דעפיציט הייפעראקטיוויטי דיסארדער (Attention deficit hyperactivity disorder, ADHD)
  - פאוסט-טראומאטישע סטרעס דיסארדער (Post-traumatic stress disorder, PTSD)
  - אלגעמיינע ענקזייעטי דיסארדער
  - מעידזשער דעפרעסיוו דיסארדער (דעפרעסיע)

CSPOA קען אייך פארבינדן מיט:

- קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס, וואס ווערן צוגעשטעלט אין אייער היים אדער אין א צווייטע פלאץ אין אייער קאמיוניטי, וואס שטיצט אייער און אייער קינד'ס געברויך
- רעזידענציעלע סערוויסעס, וואס שטעלן צו א פלאץ פאר קינדער איינצושטיין בשעת זיי באקומען פולשטענדיגע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אויפן פלאץ

צו לערנען מער וועגן די פראגראמען וואס זענען אוועילעבל דורך CSPOA און וויאזוי זיך איינצוגעבן, באזוכט **nyc.gov/youth-mh-referral** אדער סקענט די QR קאוד.

פאר מער אינפארמאציע וועגן CSPOA, רופט 347-396-7205 אדער אימעילט **cspoa@health.nyc.gov**.

אויב אייער קינד גייט אריבער א גייסטישע געזונטהייט קריזיס, רופט אדער טעקסט **988** אדער שמועסט אויף **nyc.gov/988**, סיי ווען. שטיצע איז אוועילעבל אין איבער 200 שפראכן.

NYC Health

5.26 Yiddish